# פיניעלע מזיק
## גיט לשון



מגע ס'איז שוין ווידער גיוען יעסאלע אין וואלקע, צאט גיהעיערט וואס סטיט זיך מיט ליניס אצעדיק? צאט גיהעיערט וואס מאט גילימערט די הערייעניראל פאזאמליג? אט מע דארט גיגעבן לושן. מאט זיך אראנגיזוגט אין טאטנס טאטן ארא פינקט ווי אזן שמולן געסל.

די ווילקער זענע גיקימע אין גיזוגט, אז זיי האבן ניש קא געלד. ווען מען גייען זיי טשאקען? איך, פיניעלען, גייען זיי נאציען? זיי אגע שוין יא געלד, נאר קא צייכל אבן זיי ניש. זיי ווילן האבן שליפיס און קוועטשן די בענקלעה און ווילן אלע טון די העצד אין קאלטן וואסער אראן.

א קלאל, יאטן, וואטער עס עס אזוי ניש זאן. מיר, באליטער יאטן, עלן אליין איבערנעמען ס'קאכשל. פאר וועימען אט מען דען גימאכט דוס קאכשל? — פאר אונז, באליטער?! ווער פאלט צאמען אין כילושעס? עפטש ער זיי, די ווילקער? מיר, באליטער כאלישן פין הינגער. ווער אז נאבאדן אפן האריך? עפטשער זיי די ווילקער? די ווילקער אבן דעך איגאנצן ניש קא העיצער! בא איי, בא די ווילקער פאפן די פאציקן און בא אונז באליטער, פאפן די ליגנען, ווער דארף דוג קאטשל: זיי, די ווילקער, צי אונז, באליטער?

דעריבער, דארפן מיר, באליטער יאטן, אליין איבערנעמען ס'קאטשל פין ליניס אצעדיק און אונדזערע הענד — בא אינדז עס שוין ס'קאטשל יא געווען!

א קלאל, יאטן, גרייך ענק איבערצונעמען ס'קאטשל, מעט אסקלאבן אפעוואלטינג און מעט כאלישן — כאב גיסקינטשעט.!

# פערטוישט דעם נומער
## ווען א ווייב ערלעדיגט ווייבערישע געשעפטן

מאקס איינעלמאן האט געראפט ערלעדיגן צוויי זאכן: קויפן א לאטעריע-צעטעלע און פארן ווייב א פאר לעטשלעך.

צוערשט איז ער אריינגעגאנגען אין שיך-געשעפט אין געזאגט:

— גיט מיר א פאר לעטשלעך פאר מיין ווייב.

— וואס פארא נומער?

האט איינעלמאן ארויסגענומען א צעטיך-ביכל און געענטפערט:

128574.

# פליאטקעס
## וועגן היגע ארטיסטען

מ'זאגט אז:

דער „קלייצער" ארטיסט לעמבערגער וואוינט אין אזא קליין שטיבעל, אז ווען ער וויל אויסטון די הויזן, מוז ער עפענען ס'פענסטער.

דער „באנדיט" הירש לעדערמאן האט געהאט אזא שווערן שלאף, אז ס'בעט איז אונז צעבראכן געווארן.

א כאריסטקע פון יודישן טעאטער איז אזוי שיקעלדיג אז ווען זי ווייזט ליבן איהר, די טרערן איפן אקסעל.

# ער ווייסט נישט
## צי שלמה המלך איז געווען גערעכט

— איך זאג דיר, נטע, אז שלמה המלך איז געווען גערעכט וואס ער האט געזאגט אז צווישן טויזענד ווייבער האט ער נישט געפינען איינע קיין רעכטע.

— איך קען לײדער נישט פעסטשטעלן, ווייל איך האב ערשט די פערטע.

# אז די צייטונג שרייבט
## געשפרעך צווישן מאן און ווייב

מאן (צום ווייב): נא, זעהסט רייטשעלע, מען שרייבט שוין וועגן דיר אין דער צייטונג.

ווייב: וועגן מיר? וואס שרייבט מען?

מאן: יא, מען שרייבט, אז ס'זענען פאראן צופיל פרויען אויף דער וועלט.

# ביי יעקעלע שדכן

— צי קענט איהר מיר פארשטעלן דאס פריילין וועלכע האט טויזענד דאלאר נדן און שיקעלט?

— ניין, יענע איז שוין פארנומען, אבער איך האב פאר אייך אן'ענליכע פארטיע.

— וואס האט אויך טויזענט דאלאר?

— ניין, טויזענט דאלאר האט זי נישט, אבער שיקלען שיקעלט זי יא.

# שוין איינמאל פיס!

משה דוד פערמאגט זיין אייגענס — זעהר א שווערן הגסט און א פאר זעהר גרויסע פיס.

איז ער אריינגעגאנגען אין א שיך-געשעפט קויפן שיך, בשעה דער סוחר האט געזוכט פאר איהם א פאסענדע פאר שיך, האט משה דוד דערווייל שטארק געהוסט.

ס'איז שוין געווען די פערציגסטע פאר שיך, וואס משה דוד האט אנגעמאסטן, און ער האט זיך צעקייכט איפסניי.

— א פאסקודנעם הוסט האט איהר, — זאגט דער סוחר.

— יא, דער דאקטאר האט מיר געזאגט אז כ'שטעה שוין מיט איין פוס אין קבר.

— ס'איז בלאף — האט דער סוחר געזאגט — נישטא אזא קבר, וואס זאל זיין גענוג פאר אייערע פיס...

# איז דער „אובעזפיעטשאלניע"

דאקטאר: דער בראנפען מאכט א תל פון אייער ארגאניזם.

קראנקער: ס'שאט נישט, איך מאך פון בראנפען אויך א תל...

# ער האט א גוטען סימן
## זי קען נישט שווייגען

די פרוי פלויניע זאק איז פלוצלונג פארשווינדען געווארן. מ'האט זי געזוכט און אין ערגעץ נישט געפינען, נאך דריי טעג זוכען קליגט מען פון קאמיסאריאט:

— פאניע, זי איז געפינען געווארן. ס'שיינט צו זיין אייער ווייב.

— וואס זאגט זי?

— זי שווייגט.

— ניין, דאס איז נישט מיין ווייב, — האט דער מאן געענטפערט.

# טעכניש נישט מעגליך
## שמועס צווישען צוויי יודענעס

— זי האבן געהערט גילדענע, די ראזענבלאטן האט געבוירען א דריילינג.

— טאקע? א רחמנות. מיט וואס וועט זי זייגען ס'דריטע קינד?

# פעך פון א דאקטאר

— וואס איז דער גרעסטער פעך פון א דאקטאר?

— אז ער היילט איינעם צוויי יאהר אויף דער געלער זאך, און צום סוף שטעלט זיך ארויס, אז דער קראנקער איז גאר א בינער.

# ביגאמיע
## וואס איז דאס אזוינס?

פרוי (צום מאן): זאג מיר, העניעק, וואס איז דאס אזוינס א ביגאמיסט?

מאן: א ביגאמיסט איז אזא מענש, וועלכער איז צוויי מאל אין לעבן בעגאנגען דעם זעלבען פעהלער.

# א פארציע קידושין
## איז א היגען נאכט-לאקאל

ער: ליבסט דו מיך, אנקא?

זי: יא, מאקס, איך ליב דיך.

ער (קלאפט אויפן קעלנער): פאניע אבער, א פארציע קידושין!

# ביי א יונגען דאקטאר

פאציענט (צום דאקטאר): פאניע דאקטאזשע, איך האב געהערט, אז ווער עס ברענגט אייך ארויף א פאציענט, דעם רעכענט איהר נישט פארן וויזיט.

דאקטאר: אמת.

פאציענט: אויב אזוי איז גוט, איך בין טאקע דער חולה.

# דער
# קונדס

● הומאר

● סאטירע

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 240

פרייטאג, דעם 19 אקטאבער 1934

# א טייערע „פאמיאנטקע"...



אין 10 יאהר ארום:

עקזעקוטאר: אלע מיינע קליענטען זענען איז פאלעסטינע, לאמיך דיך כאטש האבען פאר א „פאמיאנטקע" פון יענע גוטע צייטען!... ●●●

